אַלעם, פֿון וואָס איר האָט נישט געקאָנט גערעכט־
40 פֿערטיקט ווערן דורך תורת משה: גיט זשע אַכטונג,
אַז עס זאָל נישט קומען אויף אייך דאָס, וואָס איז
געזאָגט געוואָרן אין די נביאים:
41 זעט, איר פֿאַראַכטער, און וואונדערט זיך און
פֿאַרגייט,
ווייל איך טו אַ ווערק אין אייערע טעג,
אַ ווערק, וואָס איר וועט נישט גלייבן, ווען
עמיצער וועט עס אייך דערציילן. (חבקוק א׳, ה׳)
42 און בשעת זיי זענען אַרויסגעגאַנגען (פֿון שול),
האָט מען זיי געבעטן, אַז דעם קומענדיקן שבת זאָלן
43 די זעלביקע רייד גערעדט ווערן צו זיי. און ווען
קהל איז זיך צעגאַנגען, האָבן אַ סך פֿון די יידן
און פֿון די פֿרומע גרים נאָכגעפֿאָלגט פּוילוסן און
בר־נבאן, וועלכע האָבן גערעדט צו זיי און זיי
מזהיר געווען צו פֿאַרבלייבן אין דעם חסד פֿון ג־ט.
44 און דעם פֿאָלגענדיקן שבת איז כמעט די גאַנצע
שטאָט זיך צוזאַמענגעקומען, צו הערן ג־טס וואָרט.
45 און ווי די יידן האָבן געזען די מאַסן מענטשן,
זענען זיי פֿול געוואָרן מיט קנאה און האָבן אַקעגנ־
גערעדט דעם, וואָס פּוילוס האָט געזאָגט, און האָבן
46 געלעסטערט. און רעדנדיק אָפֿן מיט פּתחון־פּה,
האָבן פּוילוס און בר־נבא געזאָגט: עס איז געווען
נויטיק, אַז צו אייך זאָל קודם כל גערעדט ווערן
ג־טס וואָרט; נאָר ווייל איר פֿאַרשטויסט עס און
האַלט זיך נישט פֿאַר ראוי אויף דעם אייביקן
47 לעבן, זע, ווענדן מיר זיך צו די גוים. וואָרום
אַזוי האָט אונדז דער האַר באַפֿוילן:
איך האָב דיך געזעצט פֿאַר אַ ליכט צו די פֿעלקער,
אַז דו זאָלסט זיין אַ ישועה ביז צום סוף פֿון
דער ערד. (ישעיהו מט, ו׳)